ב. בנוגע צו דעם סיום, איז דער סיום איז נוגע אויך וואס ס'רעדט זיך אין דער סיום וחותם פון מס' חגיגה.

אין* (סוף פון) דער לעצטער משנה אין חגיגה ווערט געזאגט: "כל הכלים שהיו במקדש טעונין טבילה (נאך יעדער רגל האט מען געדארפט טובל זיין די כלי המקדש ווייל זיי זיינען טמא געווארן דורך דעם וואס עמי הארץ האבן זיי אנגערירט) חוץ ממזבח הזהב ומזבח הנחושת מפני שהן כקרקע דברי ר"א, וחכ"א מפני שהן מצופין".

א ן די גמרא איז מסביר דעת ר"א: פון וואנען ווייס מען אז די מזבחות זיינען ווי קרקע (און דערפאר איז אויף זיי ניט חל קיין טומאה) - "מזבח הנחושת דכתיב מזבח אדמה תעשה לי, מזבח הזהב דכתיב המנורה והמזבחות איתקוש מזבחות זה לזה".

דערנאך שטעלט זיך די גמרא אויף "וחכ"א מפני שהן מצופין" (אנגעמערקט אז זיי זאגן דערמיט א טעם פארוואס די מזבחות ווערן ניט טמא) און פרעגט: "אדרבה, כיון דמצופין ניגהו מיטמאו" (און רש"י איז מפרש: ווארום ווען ניט דער ציפוי וואלטן זיי דאך געדארפט זיין טהור צוליב דעם וואס זיי זיינען "כלי עץ העשוי לנחת"); און די גמרא ענטפערט: אימא וחכמים מטמאין מפני שהן מצופין (אז די חכמים זיינען מחולק מיט ר"א און זיי האלטן אז אויך די מזבחות זיינען טמא געווארן טאקע צוליב זייער ציפוי, נאך א תירוץ ענטפערט די גמרא): ואב"א רבנן לר"א קאמרי מאי דעתיך משום דמצופין מיבטל בטיל צפויין גביהו.

לערנט רש"י: די רבנן זאגן צו ר"א "מאי דעתיך", אז דאס וואס ר"א דארף אנקומען צום טעם וואס די תורה רופט זיי אן "אדמה" און נאר דערפאר זיינען זיי טהור - און ס'איז דערויף ניט געגוג דער טעם וואס זיי זיינען "כלי עץ העשוי לנחת", וויבאלד זיי זיינען "מצופין" און דאס איז זיי מבטל פונעם גדר "עץ"; זאגן דערויף די רבנן אז: "מיבטל בטיל צפויין גביהו", אז היות די תורה רופט זיי אן "עץ" מיינט עס, אז דער ציפוי של מתכת ווערט נתבטל לגבי זיי (זיי באקומען איגגאנצן דעם גדר פון "עץ") און במילא זיינען זיי ניט מקבל טומאה.

דער רמב"ם אבער לערנט, אז דאס וואס די רבנן זאגן "מפני שהן מצופין" איז עס (ניט געמיינט ווי א טעם לטמא לויט דעת ר"א, נאר) א טעם לטהר לויט זייער שיטה - ס'איז ווי דער ספרא זאגט אויפן פסוק "כל כלי אשר יעשה מלאכה בהם": "יכול שאני מרבה את חפויי כלים ת"ל בהם פרט לחפויי כלים", אז אויב דער שימוש איז ניט אינעם גוף הכלי, נאר דורכן חיפוי, (ציפוי) הכלי, איז די כלי ניט מקבל טומאה.

און ווי מ'איז מבאר שיטת הרמב"ם, לערנט ער דעם פשט פון "מיבטל בטיל צפויין גביהו", אז לויט די רבנן איז ציפוי ניט קיין סיבה צו מטמא זיין די כלי (ווי דאס זאגט ר"א), נאר פארקערט, דער ציפוי (פון מתכת) איז טעם צום מטהר זיין - זייענדיק בלויז א ציפוי צו דער כלי איז ער ממילא בטל צו דער כלי און קען דעריבער ניט אויפטאן אין איר דעם דין פון קבלת טומאה: און די כלי ווידער, מצד זיך אליין (בשעת זי האט א בית קבול) קען אויך ניט טמא ווערן וויבאלד אז דער שימוש אין איר איז דורך אמצעות הציפוי, און א כלי מצופה ומחופה איז נתמעט פון דין טומאה. [ניט ווי רש"י לערנט אז ס'איז נאר אויב דער ציפוי איז פון שיש (ווי רש"י זאגט אין חגיגה) - נאר פון וואס דער ציפוי זאל ניט זיין, ווארום אין ספרא שטייט סתם].

דערפון קומט אויס אז רש"י און דער רמב"ם זיינען מחולק אינעם גדר פון דין ציפוי לויט די רבנן, לויט שיטת רש"י קומט אויס, אז א ציפוי פון מתכת ביי כלי עץ איז א סיבה צו מטמא זיין די כלי אויך לפי דעת רבנן (נאר ביי די מזבחות האלטן די רבנן אז זיי זיינען טהור דערפאר וואס די תורה רופט זיי אן "עץ"); און לפי דעת הרמב"ם איז ציפוי כלים בכלל א טעם צו פארמיידן דין טומאה פונעם כלי המצופה כנ"ל.

---

* קטעים מסיום זה נדפסו, בלקו"ש חט"ז, תרומה (ד) ע' 309, ואילך. ויקהל (ב) ע' 434 ואילך. בהבא לקמן נעתקו כו"כ קטעים מהלקו"ש הנ"ל. המו"ל .

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה

דארף מען פארשטיין: וואס איז דער טעם וסברא וואס דער רמב"ם לערנט אנדערש (די מחלוקת צווישן ר"א מיט די חכמים) ווי רש"י; ובפרט אז דער לשון הגמרא (ואב"א רבנן לר"א קאמרי כו') איז גלאטיקער לפי שיטת רש"י, ווי מפרשים זיינען עס מסביר. (ווי דער רא"ש זאגט אז דער רמב"ם: "עיין במשנה ולא עיין בגמרא". און מ'קען ניט זאגן אז דער רמב"ם רעכנט אז דאס איז א פלוגתא פון ספרא מיט'ן בבלי ווארום ער שרייבט בפירוש אין פירוש המשניות אז דאס איז דער פשט אין חגיגה, וכפי שיתבאר לקמן.

ה. דערנאך איז דאך אויך רגיל אין "הדרן" אז מ'איז מקשר סיום המסכת עם תחילת המסכת "נעוץ סופן בתחילתן ותחלתן בסופן".

וואס אין דעם ענין זיינען געווען כמה ראשונים וואס זיינען דערפון ניט געווען צופרידן, בכלל פון ענין ההדרן, און דערנאך אויך ניט צופרידן בשעת מ'וויל באווייזן א קונץ פון מקשר זיין סופן בתחילתן אע"פ וואס דאס איז טורא בטורא.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 441 הודפס ע"י א

איז דאך במה דברים אמורים, איז ע"ד ווי די ראשונים זיינען ניט צופרידן פון "פלפול" - איז דאך דאס ניט פון סתם פלפול (איז מען ניט צופרידן) ווארום די גמרא זאגט אין נדרים אז אדרבה - פלפול איז געגעבן געווארן למשה "ונהג בה טוב עין ונתנה לישראל שנאמר טוב עין הוא יבורך".

איז דאך א סימן אז דאס איז א געוואלדיקער ענין וואס פריער איז געווען דערצו ראוי מערניט ווי משה, און דערנאך האט ער דאס געגעבן צו אלע אידן "תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב".

נאר אויף וועלכן פלפול איז מען ניט צופרידן - ווי די אריכות בזה אין של"ה און מהרש"ל ובכ"מ - א פלפול של הבל, מיט די נעמען דארטן וועגן די ישיבות וכו' וכו'.

איז דאך דערפון גופא פארשטאנדיק אז אויב דאס איז א פלפול וואס דאס האט אן ארט אין שכל הישר איז ניט נאר אז דאס איז ניט רצוי, נאר אדרבה - דאס איז אן ענין וואס האט אן אחיזה בתורה, און א חלק בתורה, און דאס איז תורה.

ועד"ז בנוגע וואס מ'זאגט אויף תורה אז "נעוץ סופן בתחילתן ותחילתן בסופן" איז דאך דאס ניט א פלפול זאגט אזוי, נאר דאס שטייט אין תורה גופא, נאר ס'איז מערניט אז מ'דארף ארויסגעפינען די שייכות אין אן אופן וואס דאס זאל זיין ע"פ שכל הישר, ניט צוזאמען פירן שני ענינים וואס האבן צווישן זיך קיין שייכות ניט.

ד.ה. די ענינים האבן זיכער צווישן זיך א שייכות ווארום דאס איז "סופן" און דאס איז "תחילתן", מ'דארף אבער אויסגעפינען זייער שייכות אמיתית, ניט א שייכות וואס איז מערניט ע"פ פלפול של הבל.

וכפי שיתבאר לקמן די פרטים אין כל ענינים אלו.

עכ"פ בכדי אויף ניט אפהאלטן דעם עולם, איז דער סיום שוין אפגעזאגט געווארן (כ"ק אד"ש חייך), עאכו"כ אין סיום המסכתא, און תחילת המסכת, וואס דארטן שטייט אז הכל חייבי בראי' חוץ פון (בעלי מום) די אלע ענינים וואס לע"ל אין אונזער גאולה וועלען זיי ניט זיין (אט די אלע וואס מ'זאגט אז זיי זיינען ניט חייבים בראי'), ווארום דעמאלט איז "עור ופסח יחדו קהל גדול יבוא הנה" און דארטן ווערן זיי גלייך נתרפא ווערן (כמבואר אין נבואת הנחמה), ובמילא וועלן אלע זיין מחוייב בראי'.

און וויבאלד אז דער אויבערשטער האט דאס ארויפגעלייגט אויף יעדערן, ביז מיט די אלע פרטים וואס בזמן הבית איז געווען א מציאות וואס מ'זאל ניט זיין חייב ווארום דעמאלט איז געווען א מציאות "חוץ" - ווי ער רעכנט אויס אין די משנה כמה סוגים.

וויבאלד אבער אז מ'זאגט אויף לע"ל "מחצתי ואני ארפא" אז אלע ווערן נתרפא ווערן, "ומלאה הארץ דיעה את ה' כמים לים מכסים" במילא איז דאך אויך ניטא דער ענין פון קטנות אין ידיעת ה' און ראיית ה'.

איז "הכל חייבין בראי'" - א פסק דין אין משנה! וואס הטועה בדבר משנה חוזר, אז ס'איז גאר ניטא קיין מציאות פון טעות בזה, און דערפאר איז ער חוזר.

וועט דאס זיכער דער אויבערשטער מקיים זיין הבטחתו, און בקרוב ממש ובעגלא דידן, אז שם נעלה ונראה ונשתחוה לפניך בבנין ביהמ"ק השלישי ע"י משיח צדקנו, כפס"ד הרמב"ם.

הנחה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 442 הודפס ע"י או

אוצר החכמה

וואס דערנאך וועט זיין דער "ויקבץ נדחי ישראל הרי"ז משיח ודאי".

ובקרוב ממש.

* * *

ו. דער ביאור אין דעת הרמב"ם קען מען זאגן: דער רמב"ם נעמט אן, אז די מחלוקת דא צווישן רבנן און ר"א - וואס ר"א שמותי הוא: פון תלמידי ב"ש - איז פארבונדן און איז א לשיטתי' און סברא כללית וואס איז א יסוד צו פילע אנדערע פלוגתות צווישן ב"ש און ב"ה. ד.ה. היות אז אין א צאל פלוגתות פון ב"ש וב"ה געפינט מען א צד השווה אין זייערע דיעות - און דאס איז אזוי בנוגע פארשידענע סוגיות והלכות אין ש"ס - איז מסתבר אז דער יסוד פון זייערע מחלוקת'ן (אין די ערטער) איז ניט מצד דעם באזונדערן תוכן פון יעדער מחלוקת בפ"ע, נאר זיי זיינען אלע מיוסד אויף איין יסוד - וכמסקנת הש"ס בכ"מ אז מ'גייט לשיטתי'. [ס'דארף טאקע זיין א חידוש בכל מקום אויף אלע איבעריקע מקומות ווארום אויב ניט ווערט דאך די שאלה (ובל' הגמרא) "וצריכא" - וואס דארף מען דאס נאכאמאל - מ'ווייס דאס שוין פון די אנדערע ערטער וואס ס'שטיט דעם כלל?! ס'דארף אבער אויך זיין (וויבאלד אז אין דערויף גייט דאס אויך לשיטה זו) א נקודה מיט וועלכע זי גלייכט זיך אויס מיט אלע איבעריקער מקומות].

ולדוגמא - עכ"פ איין פלוגתא בכל סדר:

ז. אין סדר זרעים אין מס' ברכות (בסופה - נא, א) בנוסח הברכה אויף "אש" במוצאי שבת אין הבדלה געפינען מיר א פלוגתא צווישן ב"ש און ב"ה: ב"ש אומרים שברא מאור האש וב"ה אומרים בורא מאורי האש, און די גמ' (שם נב, ב) איז מסביר זייער מחלוקת "דב"ש סברי חדא נהורא איכא בנורא" - אין אש איז דא בלויז איין (גוון) אור, און דערפאר דארף מען זאגן "מאור" לשון יחיד, "וב"ה סברי טובא נהורי איכא בנורא [תנ"ה אמרו להם ב"ה לב"ש הרבה מאורות יש באור]" - אין אש זיינען דא מערערע גוונים, ווי רש"י רעכנט אויס אז ס'איז דא לבן אדום און ירקרק.

[וואס דא זעט מען ווי אזוי אין רש"י איז מרומז ענינים פון קבלה; אדום לבן און ירקרק דאס איז די סימנים אין גוונים פון די ג' קוים: פון קו החסד וואס דאס איז לבן, און קו הגבורה וואס דאס איז אדום און קו האמצעי וואס דאס איז ירקרק (ירוק.

און דערפאר דארף מען זאגן "מאורי" לשון רבים.

עס איז פשוט אז ב"ש וב"ה קריגן ניט אין א מציאות - וואס במציאות זעט מען אז עס זיינען דא איינציקע גוונים אינעם אור, טא ווי זאגן ב"ש אז חדא נהורא איכא בנורא?

נאר דער הסבר דערפון איז: ב"ש האלטן אז ע"פ תורה ווערן ענינים בעיקר באשטימט אויפן יסוד פון זייער תוכן הכללי, ווי זיי ווערן גענומען באם ערשטן כללות'דיקן גדר (בליק) (ע"ד הכלל "אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות"). די שיטה פון ב"ה איז, אז מ'דארף זיך בעיקר רעכענען מיט דעם ווי די ענינים ווערן פאנאדערגעקליבן לויט זייערע פרטים און אופנים, הגם די פרטים זיינען ניט ניכר גלייך און מ'דארף האבן דרישה וכו' - און דווקא דאס איז מכריע אין דיני התורה.



הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 443 הודפס ע"י או

דערמיט איז מובן דער טעם פון זייער מחלוקת: דער דין בא ברכת הנר איז, אז "אין מברכין על הנר עד שיאותו לאורו", דער חיוב פון דער ברכה איז נאר דאן ווען מ'קען הנאה האבן, אדער מ'האט הנאה בפועל פון דעם אור. די הנאה קומט גלייך ביים דערזען דעם אור **בכללות** וואס דאמאלסט זעט ער סתם אור, **איין** ליכט גוון ("חדא נהורא"), דעריבער האלטן ב"ש אז אויך די ברכה דארף זיין אויף דער בריאה פון כללות האש: "מאור האש".

דאקעגן ב"ה נעמען אן די שיטה, אז ווי באלד בהתבוננות אינעם אש דערזעט ער כמה מאורות ובפועל קומט דאך די הנאת האור פון די **אלע** גווני נהורא - דארף דעריבער דער נוסח הברכה זיין "בורא **מאורי** האש".

[וואס שיטת ב"ש הנ"ל איז ע"ד די שאלה פון נודע ביהודה הידועה:

וואס ער זאגט פארוואס עפעס תשובה העלפט אין בי"ד שלמעלה, און ווי די גמ' זאגט אין קידושין אז אפילו ווען ער איז געווען א היפך פון צדיק גמור איז "הרהר תשובה" איז נעשה צ"ג אע"פ וואס מיט א רגע פאר דעם הרהור איז ער געווען אין קצה האחרון - ס'איז מערניט וואס ביי א צווייטן איז א ספק איז דערפאר איז "שמא" - איז דאס א **ספק** קידושין, אבער ער אליין ווייס און כלפי שמיא גליא איז "**ודאי** נעשה צ"ג", משא"כ למטה איז גאר קיין נפק"מ ניט, נאכמערער: אפילו אז ס'איז ודאי אז "עשה תשובה" איז אעפ"כ גיט מען עם דעם עונש.

און ער איז מאריך אז אויף דערויף איז געבויט דער דין אין תורה, ווארום "האדם יראה לעינים" און "אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות", אז מ'וועט זיך אריינלייגן אין חשבונות פון מחשבה וואס "עיקר התשובה היא בלב" וועט מען קיינמאל ניט קומען צו א בירור הגמור, און ס'וועט אלעמאל זיין ספיקות עד כמה וכו' וכו', און תורה האט געגעבן א דין אז בי"ד של בשר ודם דא למטה זאל'ן פסק'ענען, האט מען געגעבן, אין אן אופן אז מ'זאל קוקן ווי דאס איז במעשה און ווי דאס איז בדיבור.

- "מחשבה", אפילו אז ער בריינגט אויף דערויף ראיות וכו' דאס האט ניט קיין שייכות, [ווארום] פונקט אזוי ווי מ'איז ניט מעניש על המחשבה, ווי די גמ' זאגט וכו' עד"ז אויך בנוגע צו ענין התשובה, וואס דאס איז לכל הדיעות אזוי, ווי ער איז מאריך דארטן אין די תשובה].

**ח.** אויך אין סדר מועד - מס' שבת זעט מען אט דעם אונטערשייד אין די שיטות פון שמאי און הלל - אין די דריי פאלן, ווענן א נכרי וואס איז געקומען זיך מגייר זיין:

אין איין פאל האט דער נכרי געזאגט "גיירני ע"מ שתלמדני (נאר) תורה שבכתב"; אין צווייטן פאל האט ער געזאגט "גיירני ע"מ שתלמדני כל התורה כולה כשאני עומד על רגל אחת" און אין דריטן פאל האט ער געזאגט "גיירני ע"מ שתשימני כהן גדול", און אין די אלע דריי פאלן איז שמאי האט זי דוחף (דוחה) געווען און הלל האט זיי מקבל און מגייר געווען.

[פרעגט מען דאך גלייך די שאלה היתכן! ס'איז דאך א גיור ווי מ'טומלט איצטער שלא כהלכה.

(כאן חייך כ"ק אדמו"ר שליט"א ואמר) אין יענע צייטן איז ניט געווען קיין ספיקות אז גיור דארף זיין כהלכה. - ס'איז איצטער אויך קיין ספיקות ניטא, אפילו די וואס ווילן ניט מודה זיין און ווילן דאס ניט אריינשרייבן אין חוק - ווייסן **זיי אליין** אז גיור דארף זיין כהלכה, און נאכמערער:



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 444 הודפס ע"י א

ס'איז ניטא קיין מציאות "גיור שלא כהלכה", איז דאס "שלא כהלכה" איז דאס גלאט א "קאמעדיע" ניט קיין גיור, אדער ס'איז גאר קיין "קאמעדיע" אויך ניט, "קאמעדיע" איז לכה"פ איז דא אזוינע וואס האבן דערפון "פלעזשור", ער האט געהערט א דבר הצחות, אדער געהערט א "דזשאוק" וכו' - משא"כ דא ער הערט גאר קיין צחות אויך ניט, ס'איז א דבר של שקר.

איז דאך ניט מובן, ממ"נ: וויבאלד ס'איז דא דער כלל, אז מ'דארף זיך אפהאלטן פון מקבל זיין גרים אין א לייכטן אופן - ובפרט אז דא האנדלט זיך וועגן גרים וואס זאגן קלאר אז זייער גירות איז "ע"מ", וואס איז א תנאי שלא כדבעי [און בשעת איינער קומט זיך מגייר זיין בכדי צו דערגרייכן דורכדעם א שרה וכיו"ב, אדער ער איז ניט מקבל אויף זיך גאנץ תורה, איז מען אים ניט מקבל] - הייבט ווי אזוי האט זיי הלל מקבל געווען, און אויב ביי אט די גרים איז די קבלת גירות יא געווען כדבעי, און ווי מ'זעט טאקע בפועל אז זיי זיינען געווארן אמת'ע גרים - איז ווי קומט עס וואס שמאי האט זיי אפגעשטופט?

די הסברה איז כנ"ל: ביי שמאי, לשיטתו, האט מכריע געווען דעם עניניו רואות בכלל, די כללות'דיקע משמעות פון זייערע רייד און אופן קבלת הגירות - און וויבאלד אז דאס איז ניט כדבעי, האט ער דערפאר זיי דוחה געווען, הלל אבער, לשיטתו, האט דן געווען אינעם ענין לויט די פרטים וסיבות הדיבור - און ער האט געזען בזה אז די אלע גרים ווילן זיך מגייר זיין מיט אן אמת (און דאס וואס זייער דבור איז בנוסח הנ"ל - איז עס צוליב א זייטיקן טעם - עס פעלט זיי אין ידיעה בגדר דכה"ג וכיו"ב).

שמאי איז געווען א תנא גדול, און אדרבה - געווען נאכמער "חריף" ווי הלל, ווי די גמ' זאגט אין עירובין, וויבאלד אז אזוי זיינען געווען די תלמידים זייערע, און תלמידים גייען דאך לפי שכל הרב ולפי לימוד הרב איז דאך אזוי געווען אויך ביי שמאי והלל, (אז שמאי איז געווען מער חריף) עאכו"כ ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין דעם ענין פון "כיצד מרקדין לפני הכלה" אז "שמאי" איז דאס "ע"ש השם ארחותיו" און "הלל" ע"ש בהילו נרו, איז דערפון די משמעות אז אדרבה - דער מקור החילוק איז דאך ביי שמאי והלל.

איז אדרבה - מצד החריפות, איז מה דאך אז הלל האט פארשטאנען אז ער וועט צוקומען צו א גר צדק - האט דאך שמאי מצד זיין חריפות זיכער געדארפט פארשטיין, און נאך פריער געדארפט פארשטיין, אז דאס איז אזא מין גר וואס ער מיינט לתכליתו, נאר וואס דען - דערוויילע האלט ער ניט דערביי?!

אבער שמאי איז געגאנגען מיט דעם סדר (ווי גערעדט פריער):

בשעת ס'איז דא א פעולה, ע"ד ווי דאס איז "יאותו לאורו", און ע"ד ווי דא אז ס'קומט צוגיין א גר און זאגט אז מ'זאל עם מגייר זיין, און זאגט גלייך "על מנת", אדער תושב"כ און ניט תושבע"פ וכו', איז דעמאלט אט די פעולה טויג ניט.

אלא וואס דען - ער וועט זיך מתבונן זיין אין פרטים - איז "אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות" אין מבט ראשון, אע"פ וואס ער אליין ווייס אז ס'קען זיין (אדער ער ווייס אויף זיכער) אז אריינגייענדיק אין פרטים וועט דאס דעמאלט ארויס באופן אחר.

ס. אין סדר נשים - אין מס' כתובות: "כיצד מרקדין לפני הכלה ב"ש אומרים כלה כמות שהיא (לפי יופי' וחשיבותה מקלסין אותה - פרש"י) וב"ה אומרים כלה נאה וחסודה, אמרו להן ב"ש לב"ה הרי שהיתה חיגרת או סומא אומרים לה כלה

הנהה פרטית בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 445 הודפס ע"י או

נאה וחסודה והתורה אמרה מדבר שקר תרחק אמרו להם ב"ה לב"ש לדבריכם מי שלקח מקח רע מן השוק ישבחנו בעיניו או יגננו בעיניו הוי אומר ישבחנו בעיניו".

עס איז דאך פשוט, אז אויך לויט ב"ה איז פאראן דער ציווי "מדבר שקר תרחק" און אז אויך לויט ב"ש, איז בשעת איינער קויפט א "מקח" דארף מען עס פאר אים משבח זיין.

נאר אויך דא איז דער הסבר, אז זיי גייען לשיטתם: ב"ש האלט, מ'דארף אלעמאל אננעמען די זאך ווי זי זעט אויס גלייך לויטן כללית'דיקן "בליק": און היות אז ביי אט דער כלה זיינען אט די מעלות פון "נאה וחסודה" ניט אנזעעענדיק, האט קיין ארט ניט איר צו מקלס זיין מיט אט די מעלות, נאר ווי מ'זעט גלייך - "כלה כמות שהיא".

און ב"ה האלטן, לשיטתם, אז מ'דארף נעמען אין באטראכט די פרטים, ווי מ'זעט זיי בהתבוננות: היות אז דער חתן לקח מקח - האט אויסגעקליבן אט די כלה, איז א פשיטות אז אין זיינע אויגן איז זי א "נאה וחסודה" [און עפ"ז יומתק דער המשך "מכאן אמרו חכמים לעולם תהא דעתו של אדם מעורבת עם הבריות", וואורום פון דעם זעט מען אז וויבאלד אז "אין דיעותיהן שוות" - מוז מען יעדן איינעם שאצן לויט זיין באזונדער דעה, וע"ד אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו (בכל הפירושים שב"מקום") און דורכדעם קומט מען צו אז מ'ווערט מעורב אפילו "עם הבריות"].

במילא איז אויך מובן אז לדעת ב"ה איז דאס ניט קיין שקר, וואורום נאך דער התבוננות בפרטיות זעט מען אז ביחס צו אט דעם חתן איז זי טאקע א "כלה נאה וחסודה", משא"כ לויט ב"ש, אז דער כללות'דיקער גדר וראי' איז קובע, קען מען אויף א "חיגרת וסומא" ניט זאגן "כלה נאה וחסודה", און במילא גייט דאס אריין אין גדר פון "מדבר שקר תרחק".

י. עד"ז געפינט מען אויך אין נזיקין און עד"ז געפינט מען אין א מס' אין קדשים און עד"ז אין א מס' אין טהרות:

אין מס' כלים איז דא א מחלוקת: "מטפחות ספרים בין מצויירות בין שאינן מצויירות טמאות כדברי ב"ש, ב"ה אומרים מצויירות טהורות ושאינם מצויירות טמאות".

איז דער ראגאטשאווער מבאר זייער מחלוקת - על יסוד פון דעם וואס דער ראב"ד איז מבאר דעם אונטערשייד צווישן "תיק" און "חיפוי", אז א "תיק" (א שיידל צודעק) דינט צום באשיצן דאס וואס געפינט זיך אין דעם תיק, און דערפאר ווערט דאס טמא, ווייל דאס איז בסוג פון "משמשי אדם", אבער א "חיפוי" (צודעק) נוצט ניט צום שיצן די צוגעדעקטע זאך, נאר דינט בלויז "לנוי" - דערפאר איז עס ניט טמא.

און אין דעם באשטייט די מחלוקת פון ב"ש און ב"ה; מטפחות המצויירות, וויבאלד זיי זיינען לנוי פון די ספרים וואס זיינען אין זיי איינגעוויקלט, האבן זיי א דין פון חיפוי, און דערפאר האלטן ב"ה אז זיי זיינען טהור, משא"כ מטפחות שאינן מצויירות וואס זיינען ניט לנוי ווערן זיי טמא; דאקעגן ב"ש האלטן אז אויך חיפוי כלים איז טמא.

דער הסבר פון זייער מחלוקת איז פארשטאנדיק עפ"י הנ"ל: ב"ש האלטן, אז מ'קוקט אויף דער זאך לויט איר כללות'דיקן גר (-מטפחות), ניט אריינגייענדיק אין צוגעקומענע פרטים - און מיט'ן כלות'דיקן עיניו רואות זעט מען אז בײדע מיני "מטפחות" דינען ווי א כלי שימוש צו באדעקן און



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 446 הודפס ע"י א

באשיצן די כלים, דעריבער ווערן זיי טמא. לויט ב"ה אבער דארף מען זיך רעכענען מיט די פרטי הדבר - בנדון דידן מיט די פרטים וואס ווייזן דעם צוועק און תכלית השימוש פון יעדער מין באזונדער: מטפחות המצויירות, היות אז זייער צוועק איז צוליבן נוי פון די פארדעקטע כלים, האבן זיי א דין פון "חיפוי" - וואס איז בטל צו דער כלי און האט אויף זיך ניט קיין גדר פון "כלי" - און דערפאר ווערן זיי ניט טמא, אבער מטפחות שאינן מצויירות וואס זייער צוועק איז ניט אויף צוצוגעבן נוי אין די כלים, נאר זיי זיינען ווי א "תיק" וואס נוצט צו באשיצן און פארהיטן די כלי, במילא זיי קענען טמא ווערן.

**יא.** אין סדר קדשים - מס' חולין: "העוף עולה עם הגבינה על השלחן ואינו נאכל דברי ב"ש וב"ה אומרים לא עולה ולא נאכל":

ב"ש האלטן אז מ'זעט די זאך (דאס ארויפברייננגען אויפן טיש) כמו שהוא, ווי דאס איז פאר זיך - און ס'איז דאך ניטא קיין חשש איסור צו **ארויפברייננגען** אן עוף אויפן טיש צוזאמען מיט גבינה.

בית הלל אבער האלט - לשיטתם, אז מ'דארף זיך מתבונן זיין אין פרטים, ובנדו"ד אלס סיבה פון א מסובב וואס וועט דערפון ארויסקומען; דער ארויפברייננגען אויפן טיש איז א סיבה צו א מסובב, ווארום (וויבאלד אז "יצר לב האדם רע מנעוריו", איז) אויב מ'וועט מתיר זיין ארויפברייננגען ביידע צוזאמען אויפן טיש איז א חשש אז דורך דעם וועט ער סוף סוף אנהויבן זיי עסן צוזאמען.

**יב.** עד"ז איז אויך דא אין סדר נזיקין, אין מס' עדיות:

וואס דער דוגמא פון מס' עדיות באווארנט נאך א פרט:

אין די אלע דוגמאות וואס מ'האט אויסגערעכנט איז אומעטום ב"ש לחומרא,

קען מען נאך זאגן אז ניט אלעמאל האלט ב"ש אז מ'דארף קוקן נאכן כלל און ב"ה האלט אלעמאל אז מ'דארף זיך מתבונן זיין אין פרטים, - נאר ביי זיי איז ביידע זאכן בשוה נאר וואס דען - דער האלט אז מ'דארף גיין לחומרא און ב"ה האלט אז מ'דארף גיין לקולא -

מען זעט אבער פון די דוגמא אין מס' עדיות אז מצד אט דעם כלל קומט אויס אז ב"ש איז מקיל און ב"ה איז מחמיר,

- איז דאך א סימן אז ביי ב"ש איז מכריע דער כלל סיי לקולא און סיי לחומרא און ביי ב"ה איז מכריע דער פרט סיי לקולא און סיי לחומרא.

וואס דארט אין מסכת עדיות שטייט: שמאי אומר כל הנשים דיין שעתן והלל אומר מפקידה לפקידה אפילו לימים הרבה, שמאי זאגט אז אן אשה וואס איז רואה דם איז זי מטמא טהרות וואס זי רירט אן פון דער ראי' און ווייטער, אבער ניט די וואס זי האט אנגערירט פאר דער ראי', הלל זאגט אז זי איז מטמא אויך די טהרות וואס זי האט אנגערירט פון זינט נאך דער לעצטער טהור'דיקער בדיקה.

און די גמ' איז מסביר (אין דעם ערשטן טעם): "שמאי קסבר העמד אשה על חזקתה ואשה בחזקת טהורה עומדת, והלל כי אמר העמד דבר על חזקתו היכא דלית



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 447 הודפס ע"י או

אוצר החכמה

לי' ריעותא מגופי' אבל איתתא כיון דמגופא קחזיא לא אמרינן אוקמא אחזקתה".

וואס דא זעט מען דעם זעלבן קו אין זייערע דעות: שמאי האלט אז מ'קוקט אויף א זאך ווי זי זעט זיך (אדער זעט זיך ניט) גלייך פאר די אויגן - און דערפאר איז די' שעתה, דער זמן פון ראית דם בפועל און ניט אויף פריער, ווען ס'ניט געווען קיין ראי' (און מ'שטעלט זי דעריבער אויך דער חזקה), הלל האלט אבער אז מ'באגנוגענט זיך ניט מיט'ן עיניו רואות בכלל, נאר מען דארף חוקר זיין פרטי הענין וואס ראתה דם, אז דאס וואס ראתה איצט (שעתה), איז דאס א מסובב, ווייל ס'איז דא א ריעותא בגופא, די זאך פון דער ראי' איז אן ענין טבעי ביי אן אשה, און מהאי טעמא קען מען זי ניט שטעלן בחזקת טהרה, און די טהרות זיינען טמא (מספק עכ"פ).

**יג.** לויט דעם אלעם וועט אויך זיין מבואר דער טעם הפלוגתא - לשיטתי' - אין דער משנה פון סוף חגיגה הנ"ל:

דער רמב"ם האלט אז ר"א - וואס איז א תלמיד פון ב"ש - און די רבנן - גייען לשיטתם פון ב"ש וב"ה, אין די דערמאנטע פלוגתות:

ר"א האלט אז א ציפוי איז מטמא - וויבאלד אז דער כללות'דיקער ענין פון מזבח איז כשמו (אויך פון יעדער פרט זיינעם - א פרט פון מזבח הנחושת" - דאס איז א מזבח הנחושת, אדער פון זהב, וואס זיינען מקבל טומאה, און ס'איז ניט קובע וואס אין פרטיות פון מזבח איז דער נחשת וזהב א ציפוי און א טפל צום מזבח, ובמילא וואלט עס געווען טמא ווען ניט דאס וואס די תורה זאגט אז זיי זיינען פונקט ווי "קרקע" וואס איז ניט מקבל קיין טומאה.

די חכמים האלטן אז מ'דארף ניט אנקומען צום לימוד פון קרקע: כאטש בכללות ובענינו איז דער מזבח - מזבח הנחושת והזהב - א כלי פון מתכת, און דערפאר ווערט ער אזוי אנגערופן, אבער מצד פרטי המזבחות איז דאך די מתכת א ציפוי; און א ציפוי, וועלכער ער זאל ניט זיין - פון זהב אדער נחשת כו' - איז נאר א טפל און במילא בטל צו דער כלי (און במילא קען די כלי אויך ניט טמא ווערן (צוליב דעם ציפוי)).

און די פרטים זיינען מכריע דעם כלל, כנ"ל.

ולכן דארף מען ניט אנקומען צו א לימוד מיוחד פון פסוק אז די מזבחות קענען ניט טמא ווערן, נאר ס'איז דערויף גענוג דער טעם "מפני שהם מצופים".

**יד.** וואס דאס איז בדוגמא פון די מחלוקת פון ב"ש און ב"ה (אהלות פי"א מ"ג): אדם שנמצא תחת הסדק, בשעת טומאה געפינט זיך אין איין ארט און דערנאך איז דא אינמיטן א הפסק, און אויב ס'געפינט זיך א זאך וואס האט א חלל טפח, ברענגט ער אריבער די טומאה אין צווייטן חדר, ס'דארף אבער זיין א חלל טפח, א" "חלל" ניט קיין ממולא.

איז דא די פלוגתא ווי איז אויב ס'איז געווען אן אדם תחת הסדק,

זאגט ב"ש אז אן אדם איז ניט מביא טומאה, זאגט ב"ה ניין, אן אדם איז חלל, און וויבאלד אז ער איז חלל האט ער אינעווייניק א חלל טפח, און א חלל טפח מביא את הטומאה.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 448 הודפס ע"י א

וואס איז דא די נפקא מינה? דער אדם (דער "חלל טפח") האט אויף זיך א ציפוי פון "עור ובשר תלבישני"?!

זאגט ב"ש אז וואס זעט ער (ווי ר"א זאגט דא) ער זעט א שולחן של זהב, א מזבח של זהב א מזבח של נחושת, ע"ד ווי דא ער זעט אן אדם וואס דאס איז א בריאה שלימה איז אינה מביא את הטומאה, איז במילא ווי איז דא דער דין?! איז מצד דער ציפוי דארף ער זיין טמא בציפוי של מתכות.

- זאגט ב"ה (-ו חכמים אומרים) ניין! "ציפויין בטל לגבי'". ער דארף זיך אריינטראכטן אז ס'איז דא אן אינעווייניק און דער ציפוי איז בטל צו דעם אינעווייניק, איז קיין נפק"מ ניט וואס דער ציפוי איז, מתכת צי שיש צי אבנים צי עץ וכו' - איז ער בטל לגבי פנים פונקט אזוי ווי דארטן, מ'דארף זיך אריינטראכטן אז ס'איז ניט סתם אז ס'ליגט א זאך וואס דאס איז ג' אמות גובה און אמה על אמה, נאר דאס איז א דבר חלל בתוכו במילא איז ער מביא את הטומאה.

**סו.** עפי"ז וועט מען אויך פארשטיין דעם קשר צווישן דעם סיום און דער התחלה פון מס' חגיגה, וואס דארטן געפינט מען א מחלוקת פון ב"ש וב"ה, און וואס אויך איר נקודת ההסברה איז די זעלבע ווי ביי דער מחלוקת פון ר"א וחכמים בסיום המסכת.

אין די ערשטע משנה לערנען מיר: "ב"ש אומרים הראי' שתי כסף והחגיגה מעה כסף וב"ה אומרים הראי' מעה כסף, והחגיגה שתי כסף", ב"ש זאגן אז די עולת ראי' וואס מען דארף ברייננען ווען מ'איז עולה לרגל, דארף זיין ווערט שתי כסף, און די שלמי חגיגה מעגן זיין ווערט ווייניקער - "מעה כסף", ב"ה זאגן פארקערט, אז די "שלמי חגיגה" דארפן האבן א גרעסערע שווי' ווי "עולת הראי'".

איז די גמ' מבאר אז ב"ש האלטן "שהראי' עולה כולה לגבוה משא"כ בחגיגה" - אז עולת ראי' וויבאלד זי איז אינגאנצן "לגבוה", דארף זי זיין מער ווערט ווי שלמי חגיגה - אכילת בנ"א, ב"ה אבער זאגן "אדרבה חגיגה עדיפא דאית בה שתי אכילות".

ד.ה. ווי מען קוקט אויף דעם ענין הקרבנות בכללות דארף אויסקומען אז א קרבן וואס מען ברייננגט אינגאנצן לגבוה, דארף ער זיין ווערט מער ווי א קרבן וואס איז בלויז טייל ווייז לגבוה (שיטת ב"ש), אבער מצד פרטי הדבר, איז "אדרבה" א פארקערטע מסקנא: אכילת כהנים (און אויך אכילת בעלים) פונעם קרבן איז אויך א מצוה, ובמילא איז אויך זייער אכילה אן ענין פון גבוה, קומט אויס אז "אדרבה חגיגה עדיפא"(שיטת ב"ה) האבענדיק "שתי אכילות" לגבוה און דערפאר דארף זי ווערט זיין מער ווי "עולת ראי'".

ועפי"ז איז אויך פארשטאנדיק דער המשך הגמ', וכפי שיתבאר לקמן.

**סז.** וואס ווי געזעדט פריער ולסיים בדבר טוב - "ב"ש במקום ב"ה אינה משנה", בשעת מ'גיט א קוק אויף א אידן, איז "אל תבט אל מראהו" זאגט חסידות, מיוסד אויף דערויף וואס תורה זאגט, אז מ'גיט א קוק פון אויסווייניק איז קען זיין ער איז ניט געפעלן, און ווי מ'זאגט "כיצד מרקדין לפני הכלה" וואס דאס גייט דאך אויף למעלה אויף דעם אויבערשטנ'ס כלה וואס דער אויבערשטער איז דער בעל און אידן זיינען די כלה -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 449 הודפס ע"י א

זאגט ב"ש אז "כלה כמו שהיא" - מ'דארף עס אפשאצן; "שם ארתותיו" זאגט דער אלטער רבי איז דער אפטייטש, מ'דארף עם אפשאצן ווי ער פירט זיך.

זאגט ב"ה, ניין! "אפילו חיגרת אפילו סומא", איז וויבאלד אז ס'קומט צוגיין דער בעל, און ער האט גענומען אט דעם מקח, ווינסדיק וואס דער מקח איז, איז דאס וואס ס'קומט צוגיין א צווייטער און זאגט אז דאס איז מקח רע - ס'הויבט זיך גאר ניט אן! ס'איז כלה נאה וחסודה!

נאר וואס דען - ער איז ניט מעורב עם הבריות, ער ווייס ניט וואס ס'טוט זיך דא, הנשמה כפי שהיא יורדת למטה וואס דערפאר אז מ'פרעגט ביי מלאכים הויבן זיי אן זוכן אלעס וכו' וכו', בשעת מ'קומט צוגיין למטה איז אט דעמלאט כאפט זיך דער מלאך אז ער קען ניט ביישטיין קיין נסיון הכי קל, משא"כ ווי דער וואס איז דורכגעגאנגען צו דער גאנצער ענין פון ירידת הנשמה למטה, וכידוע די כמה סיפורים שבזה פון רבותינו נשיאנו וכו', אז ווי אזוי קען מען ארויסהעלפן א צווייטן ווען מ'האט א שמץ מנהו ביי זיך, ווארום אז ניט קען מען ניט פארשטיין ווי יענער איז ראוי לתשובה למחילה וסליחה וכפרה כל זמן ער אליין איז ניט דורכגעגאנגען דעם ענין עכ"פ בדקות דדקות, ווי שוין אפגעדרוקט די סיפורים.

עכ"פ בנוגע אלינו - ס'קומט צוגיין אימיצער למטה אדער אימיצער למעלה, און זאגט אויף א אידן היתכן - חיגרת וסומא? זאגט ב"ה ס'הויבט זיך ניט אן - ס'איז כלה נאה וחסודה.

- ס'טייטש! ער קוקט בעיני בשר און קוקט ניט אפגענארטערהייט און זעט א חיגרת וסומא?! זאגט עם ב"ה דאס איז געווען דער בעל ולקח מקח רע - איך דינג זיך ניט מיט דיר אז ער טוט א מצוה, דאס אבער וואס איך זאג בפשיטות אז דער בעל האט גענומען דער מקח-רע, איז במילא ווי זאגסטו אליין - וואס דארפסטו זאגן פאר דעם אויבערשטן, ס'דארף זיין ישבחנו לפניו.

וע"ד ווי די גמרא דערציילט, אז בשעת ר' אליעזר בר"ש האט געטראפן איינער וואס איז איז געווען א מכוער ביותר, און האט עם דאס געזאגט, האט ער עם געענטפערט לך לבורא שבראני - גיי צו דעם וואס האט עם באשאפן.

און ס'איז זעלבסטפארשטאנדלעך אז ביי ר"ש האט ניט תופס מקום געווען דער יופי חיצוני, אויב יענער וואלט עם געדארפט זאגן, וואס הייסט דו זאגט אויף עם אט דעם ווארט, (וואס ער האט אויף עם געזאגט) ער האט דאך אט די און די מעלה?! איז דאך א סימן אז ער האט <u>ניט</u> געהאט אט די מעלה, די איינציקע מעלה וואס ער האט געהאט [איז] אז ער האט געוואוסט, אז ער איז א ברי' של הקב"ה!

במילא אז ער איז א בריאה של הקב"ה זאגסטו אז בריאתו של הקב"ה, איז א חיגרת און א סומא?! לך לבורא שבראני, און טענה זיך מיט עם אויס,

וואס דאס איז וואס ב"ה זאגט, אז אפילו חיגרת, און אפילו סומא, איז דאס בדוגמא פון א בעל, וואס ער איז געגאנגען און לקח מקח רע איז דעמאלט דארף זיין <u>ישבחנו</u> בפניו, און דעמאלט וועט זיין דער מרקדין לפני הכלה.

וואס וואס איז דער "מרקדין לפני הכלה" בפשטות - אז דורך דערויף איז מען משמח חתן וכלה.

וואס דאס איז אויך בנוגע לענינו:

<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 450 הודפס ע"י א

אוצר החכמה

אל תבט אל מראהו! ס'איז דא אמאל אז איינער געפינט א חסרון אויף א אידן, נאכמערער: דער חסרון איז טאקע דא, נאכמערער: דער חסרון ווארפט זיך אין די אויגן, אפילו חיגרת אפילו סומא, איז בשעת ס'רעדט זיך וועגן עם אליין - דארף ער תשובה טאן (ידע איניש בנפשי'...) און דארף זען פאררירכטן, און "אין לך דבר העומד בפני התשובה" ווי ער זאגט אין לקו"ת אז דאס איז בדוגמא אז ברוחניות קומט מען צו מחבר זיין די קאפ מיטן גוף. בגשמיות ר"ל ווען נקטע ראשו איז ניטא דערצו קיין עצה, ברוחניות אבער אפילו אז נקטע ראשו ווען ס'איז דעות נפסדות, ביז וואנעט ס'איז געווארן נקטע ראשו, "אבי ואמי עזבוני", איז אעפ"כ "וה' יאספני" - ער קען צוריק מחבר זיין דעם ראש מיטן גוף.

בד"א ווען דאס רעדט זיך וועגן זיך אליין.

ווען ס'רעדט זיך וועגן צווייטן איז הוי מלמד זכות את כל אדם, און ווי ער איז מאריך אין תניא די אלע פרטים, ווי אזוי אין שכל הגשמי פון שכל אנושי, קען מען מסביר זיין, אז ווי ס'זעט ניט אויס דער צווייטער איד, קענסטו אויף עם מלמד זכות זיין, ניט דו וועסט זיך אפנארן, נאר וועסט אויף עם מלמד זכות זיין ווי תורת אמת זאגט אז דאס איז זכות אמיתית.

און מ'זאגט אויף אזויפיל אז "ב"ש במקום ב"ה אינה משנה", לע"ל זאגט דער אריז"ל וואס דעמאלט וועט זיין "ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ" עכ"פ נאך פאר דעם וועט ניט זיין אט די אלע נסיונות איז הלכה כב"ש.

אוצר החכמה 1234567

בזמן הזה מיט אלע העלמות והסתרים מיט די אלע שווריקייטן און די אלע זאכן איז ניט נאר איז דער דין ווי ב"ה, ס'איז גאר ניטא קיין הו"א און ס'איז גאר ניטא קיין מקום לטעות, אז ס'זאל זיין כלה כמות שהיא - דאס איז כלה נאה וחסודה!

און דעמאלט ווערט דער "כיצד מרקדין לפני הכלה" ווי ער זאגט אין שמו"ר (אין בא) אז ביז איצטער איז דאס א ענין של אירוסין און לע"ל איז די נישואין של הקב"ה וישראל.

בקרוב ממש בביאת משיח צדקנו און מתוך שמחה וטוב לבב, דורך דערויף וואס יעדערער וועט איצטער אויפטאן דעם ענין פון מרקדין לפני הכלה מיט זיך און מיט א צווייטן אידן, אע"פ וואס ער רעכנט אז דער צווייטער איז א חיגרת וסומא וכו', איז ער בטוח און תורת אמת זאגט עם אז דאס איז א כלה נאה וחסודה.

און דאס וועט אונז אלעמען פירן צו די נשואין עם הקב"ה בקרוב ממש "ביום חתונתו וביום שמחת לבו" זה בנין ביהמ"ק - ביהמ"ק השלישי, בקרוב ממש.